פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה 9 זייט

Oplata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען


# נייער פאלקסבלאט


№ 227 | Łódź, Czwartek 1 października 1931 r. | נייער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג כ׳ תשרי תרצ״ב | № 227

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# היינט — א זיצונג פון סיים

## די רעדע פון פרעמיער ווערט ערווארט מיט שפאנונג

וו א ר ש א, 30 (טעלעפאניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) היינט, דאָנערשטאָג, 4 אַ זייגער ביי טאָג קומט פאָר די ערשטע זיצונג פון דער נייער סיים־סעסיע. אין די סיים־קולואַרען איז שוין טער מעלדיג, ס׳זענען זיך שוין צונויפגעפאָהרען די דעפוטאַטען און די פערשידענע פראַקציעס האַלטען אַפּ בעראַטונגען.

דער סאַנאַציע־קלוב האָט גערופען אַ בעראַטונג אויף היינט 10 אַ זייגער פאַרמיטאָג.

אויך, דאָס יודישע „קאלא“ האָט היינט אָפּגעהאַלטען אַ זיצונג, קיין קאָמוניקאַט וועגען דער דאָזיגער זיצונג איז נישט אַרויסגעגעבן גע־וואָרען.

אויף דער זיצונג פון די מיניסטאָרען, וואָס איז היינט פאָרגעקומען איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז פרעמיער פריסטאָר זאָל האַלטען אַ רעדע אויף דער ערשטער זיצונג. די רעדע פון פרעמיער ווערט ערוואַרט מיט שפאַנונג.

## ערנסטער געזונד-צושטאנד פון פואנקארע

פ אַ ר י ז, 30 (פּאַט) דאָ זענען אָנגעקומען בעאונרוהיגענדע ידיעות וועגען דעם געזונד־צו־שטאַנד פון פּואַנקאַרע, וועלכער וואוינט אין זיין גוט אין לאטייגגען. זיין צושטאַנד איז אַן ערנסטער.

## דער פעלקערבונד-ראט וועגען כינעזיש-יאפאנישען קאנפליקט

ג ע נ ף, 30 (פּאַט). דער פעלקערבונד-ראַט האָט היינט אָנגענומען בעשלוסען וועגען כינעזיש-יאַפּאַנישען קאָנפליקט. קודם כל איז גענומען גע־וואָרען צו קענטניש די ערקלערונג פון יאַפּאַנישען פאָרשטעהער, אַז יאַפּאַן האָט נישט קיין טעריטאָר־יאַלע צילען אין מאַנדזשוריען און ווען ס׳וועט געזיכערט ווערען דאָס לעבען פון די יאַפּאַנערן וועט דאָס מיליטער פון דאָרט צוריקגעצויגען ווערען.

דאַן איז גענומען געוואָרען צו קענטניש, אַז כינאַ פערפליכטעט זיך צו זיכערען די גאַנצקייט פון די יאַפּאַנער. ביידע צדדים זענען אויפגעפאָ־דערט געוואָרען איינצושטעלען נאָרמאַלע בעציהונ־גען. דער ראַט וועט זיך צונויפקומען דעם 14. אָקטאָבער, כדי צו קאָנטראָלירען די זאַכלאַגע אין מאַנדזשוריען.

## געוואלט ערמארדען דעם וויצע-פרעזעס פון דער ווארשאווער באהן-דירעקציע

### דער דירעקטאר איז ניצול געווארען פון טויט. — דער אנפאלער איז ארעסטירט

וו א ר ש א, 30 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט האַלב 1 בייטאָג איז אין קאַבינעט פון וויצע־פּרעזעס פון דער וואַרשאַווער באַהן דירעקציע ערוואַרד זשענקעוויטש געקומען דער 60־יעהריגער סטעפאַן פּאַניאַטאָווסקי און נישט רעדענ־דיג קיין וואָרט, האָט ער אויסגעשאָסען 3 מאָל אויפן וויצע־פּרעזעס.

זשענקעוויטש האָט זיך פערשטעלט מיט אַ שטוהל און ער איז אַפילו נישט פערוואונדעט גע־וואָרען. דער אַנפאַלער איז אַרעסטירט געוואָרען, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, איז דאָס אַ רעדו־צירטער באַהן־בעאַמטער, אָבער נישט דערפאַר האָט ער געוואָלט דערשיסען זשענקעוויטשען.

פּאַניאַטאָווסקי האָט צוזאַמען מיט זשענקע־וויטשען געאַרבייט אין רוסלאַנד, דער לעצטער האָט דאָרט אָפּגערעדט פּאַניאַטאָווסקיס ווייב און איז מיט איהר ענטלאָפען קיין פוילען. נאָך אַ געוויסער צייט איז פּאַניאַטאָווסקי אויך צוריקגעקומען קיין פוילען און אויף אַזאַ אופן געזוכט נקמה צו נעהמען אָן זשענקעוויטשען.


3 נאַוואָמיעסקאַ — טוך און קאָרט-געשעפט
Herman Włoski
לאָדז, נאַוואָמיעסקאַ 3 טעל. 114-92, פּראָנט 2-טער שטאָק
עמפעהלט צום איצטיגען הערבסט- און ווינטער-סעזאָן דעם רייכסטען אויסוואַהל פון די נייעסטע
דאַמען- און הערען-שטאָפען
ווי: לאַדזער, טאָמאַשאָווער, ביליצער, לעאָנאַרד׳ס און אויסל. אויסאַרבייטונגען
בעסטע קוואַליטעט! / נייעסטע מאָדע! / פאַבריקס-פּרייזען! / הורט און דעטייל!
געדענקט די אדרעס! געדענקט די אדרעס!
נאַוואָמיעסקאַ 3

Dr. med.
W. Eychner
גינעקאָלאָג-אַקושער
זגערזשער 11
טעלעפאָן 134—72
נעמט אָן פון 3—4 נאָכמ.
און פון 7—9 אָוונד.
אַנ׳אָרט צו שלאָפען
פאַר 2 אָנשטענדיגע יונ־געלייט, איז אָפּצוגעבען.
צו ערפאַהרען
פּיעטריקאָווער 33,
אין 2-טען הויף, פּאַרטער־


נאָך קורצע שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין עלטער פון 85 יאָהר אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, שוויגער־מוטער, גרויסמוטער, שוועסטער, שוועגערין און טאַנטע

ב״ע מיכלע אשת ר׳ נתן נטע ז״ל פרענקעל

(געבוירענע קאָוואַלסקאַ)

די לויה קומט פאָר היינט, דאָנערשטאָג, ד. 1. אָקט. 1931 (כ׳ תשרי תרצ״ב), 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער־הויז, נאַרו־טאָוויטשאַ 29, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

6596

הוי נפלה עטרת ראשנו!

בלב נשבר ונדכה הננו מודיעים על פטירת ראש משפחתנו היקר באדם

נ. ע.

ר׳ טובי׳ צבי ב״ר אלכסנדר זיסקינד ז״ל ביאלער

ששבק חיים לכל חי אחרי מחלה כבדה וממושכה בעיר ברלין בשנת הס״ז לימי חייו.

ההלויה תהי׳ היום, יום ה׳, כ׳ לחודש תשרי תרצ״ב בשעה 11 בבוקר ממעונו בלאדז רחוב קילינסקי 96.

השרויה בצער ובכאב גדול ועמוק

משפחתו המתאבלת.

